**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/7/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ צו באשיצן נויערסינג היים איינוואוינער פון אינפעקציע און האלטן באליבטע אינפארמירט**

***נייער געזעץ (S.1785A/A.6052) פארלאנגט פון נויערסינג היימער צו גיבן פאר איינוואוינער און פאר אויטאריזירטע פאמיליע מיטגלידער און געהילפן א צייטליכע מעלדונג ווען אן אינפעקציע ווערט אויפגעכאפט***

***פארזיכערט אז אנשטאלטן האבן א פלאן צו אקאמאדירן אויסגעשטעלטע אדער אינפעקטירטע איינוואוינער צו אפשטעלן די אינפעקציע פון זיך פארשפרייטן צו אנדערע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א געזעץ וואס וועט פארלאנגען פון העלט קעיר אנשטאלטן וואו מענטשן וואוינען צו שנעלערהייט איינמעלדן פאר איינוואוינער און פאר פאמיליע מיטגלידער און געהילפן ווען אן אינפעקציע ווערט אויפגעכאפט אין די אנשטאלט. עס פארלאנגט אויך פון נויערסינג היימער צו האבן א פלאן צו קענען אקאמאדירן אויסגעשטעלטע אדער אינפעקטירטע איינוואוינער צו אפשטעלן די פארשפרייטונג פון די אינפעקציע.

"עס קומט זיך פאר ניו יארקער וועלכע וואוינען אין נויערסינג היימער צו באקומען די העכסטע קוואליטעט פון קעיר, און עס קומט זיך פאר זייערע פאמיליעס צו וויסן אז זייערע באליבטע זענען זיכער", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיט דעם געזעץ וועלן מיר זיכער מאכן אז יעדע אנשטאלט איז גרייט צו באשיצן איינוואוינער פון אויסגעשטעלט ווערן נאך אן אינפעקציע ווערט אויפגעכאפט בשעת'ן אויך פארבעסערן קאמיוניקאציע צו זיכער מאכן אז איינוואוינער און פאמיליע מיטגלידער ווערן איינגעמאלדן איבער די מצב אויף א צייטליכן פארנעם. דאס איז א קריטישע טריט צו פארזיכערן אז נויערסינג היימער נעמען אונטער די ריכטיגע מאסנאמען צו באשיצן די שוואכסטע ניו יארקער."

דער נייער געזעץ (S.1785A/A.6052) וועט פארברייטערן די עקזיסטירנדע פאנדעמיע עמערדזשענסי פלאן צו פארבעסערן קאמיוניקאציע דורכן פארלאנגען פון נויערסינג היימער צו איינמעלדן איינוואוינער און זייערע באליבטע איבער אן אינפעקציע. עס פארלאנגט אויך פון אנשטאלטן צו צוגרייטן א פלאן אדער פראצעדור פאר אקאמאדאציעס פאר איינוואוינער דורכאויס אן אויסברוך פון אן אנשטעקיגע קראנקהייט, און דאס וועט העלפן זיכער מאכן אז יעדע נויערסינג היים איז גרייט און קען ווירקזאמערהייט פלאצירן איינוואוינער אין פאל פון אן אינפעקציע פאר זייער זיכערהייט און די זיכערהייט פון אנדערע.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופיס האט געזאגט,** "די קאוויד-19 פאנדעמיע האט אונז געלערנט פילע נויטיגע אבער גאר ווייטאגליכע לעקציעס. דער געזעץ וואס קומט אלץ א דירעקטע רעזולטאט פון אונזערע 2020 געהערן ארום די זיכערהייט אין נויערסינג היימער, וועט זיכער מאכן אז די אנשטאלטן זענען גרייט ווען צוקונפטיגע אינפעקציעס וואקסן ארויס, און עס וועט באפולמעכטיגן פאמיליעס פון

אונזערע קראנקע און עלטערע צו מאכן קלוגע באשלוסן איבער זייער קעיר. מיר טארן קיינמאל נישט ערלויבן אז אונזערע קעיר אנשטאלטן זאלן זיך טרעפן נישט צוגעגרייט."

**אסעמבלי מיטגלידערין דזשעניפער לונספארד האט געזאגט,** "ווען קאוויד איז אנגעקומען זענען איינוואוינער פון נורסינג היימער און זייערע באליבטע געלאזט געווארן הענגען אין די לופט. נורסינג היימער האבן זיך געטראפן נישט צוגעגרייט פאר די פובליק געזונטהייט עמערדזשענסי, און איינוואוינער און באליבטע זענען געלאזט געווארן אן וויסן וואס עס גייט פאר. די ציהל פון דעם געזעץ איז צו פארמיידן ענליכע מצבים אין די צוקונפט דורכן פארלאנגען אינפעקציע באריכטן און פלאנירונג מאסנאמען אין העלטקעיר אנשטאלטן וואו מענטשן האלטן זיך אויף. אפנקייט און פלאנירונג דורך די אנשטאלטן דורכאויס פובליק געזונטהייט עמערדזשענסיס איז קריטיש אזוי ווי מיר זעצן פאר זיך צו ערהוילן פון די קאוויד פאנדעמיע. מיר קענען דאס נישט לאזן געשעהן נאכאמאל צו אונזערע שוואכסטע ניו יארקער."

דער געזעץ בויט ארויף אויף גאווערנער האקול'ס אנגייענדע באמיאונגען צו באשיצן איינוואוינער פון לאנג-טערמיניגע העלט קעיר אנשטאלטן. אין דעצעמבער 2021 האט די גאווערנער אונטערגעשריבן א [רייע פון פיר געזעצן](#) צו שטיצן לאנג-טערמיניגע העלט קעיר אנשטאלטן און צושטעלן הילף פאר די סיסטעם. די געזעצן האבן אנגעוויזן פאר די העלט דעפארטמענט קאמישאנער צו איינפירן אן אינפעקציע אינספעקשען איבערזיכט און טשעקליסטע פאר נורסינג היימער; זיי האבן איינגעפירט א סעריע רעפארמען צו די סטעיט'ס לאנג-טערמיניגע קעיר 'אמבודסמען' פראגראם ( Long-Term Care Ombudsman Program) און צו אנדערע פארבינדענע פראגראמען צו פארמערן די צוגענגליכקייט פאר איינוואוינער צו נורסינג היימער און צו אנדערע העלט קעיר אנשטאלטן וואו מענטשן האלטן זיך אויף; זיי האבן אויפגעשטעלט די 'זיך אויסמשלן' פונדאסניי לאנג-טערמיניגע קעיר איינהייט' ( reimagining long-term care task force) צו שטודירן די מצב פון לאנג-טערמיניגע קעיר סערוויסעס אין די סטעיט; און זיי האבן אנגעוויזן די קאמישאנער פון עקאנאמישע אנטוויקלונג, זיך דורכרעדנדיג מיט די העלט דעפארטמענט, לעיבאר דעפארטמענט און אפיס פון קינדער און פאמיליע סערוויסעס ( Office of Children and Family Services) קאמישאנערס, צו שטודירן, אנטוויקלען און איינפירן א לאנג-טערמיניגע סטראטעגיע צו שטיצן די וואוקס פון די העלט קעיר אנשטאלטן אינדוסטריע אין ניו יארק סטעיט. גאווערנער האקול האט אויך געשטיצט אינוועסטירונגען אין די 'לאנג-טערמיניגע קעיר אמבודסמען' פראגראם, פארגוטיגונגען פאר נורסינג היימער, נאך פינאנצירונג צו אויפנעמען איינגעשטעלטע און אזוי אויך פינאנצירונג צו איבערבויען נורסינג היימער, אריינרעכענענדיג שטופן די נורסינג היים 'גרינע הויז מאדעל" צו שטופן פאר לאנג-טערמיניגע קעיר פון א הויכע קוואליטעט פאר יעדן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418